**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/12/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט מער פון 43 מיליאן דאלאר אין FAST NY גרענטס געשאנקען פאר פינף פראיעקטן אריבער אפסטעיט ניו יארק

***אויסגעוועהלטע פראיעקטן אין אלבאני, ערי, פוּלטאָן, הערקימער און אראנדזש קאונטיס שאפן קאנסטרוקציע-גרייטע שטחים פאר שנעל-וואקסנדע אינדוסטריעס***

***איבער 326 מיליאן דאלאר אין FAST NY גרענטס פארטיילט ביז היינט***

***גאווערנער האט פארזיכערט נאך 100 מיליאן דאלאר אין FAST NY פינאנצירונג אין דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2026***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אנאנסירט אז מער פון 43 מיליאן דאלאר איז פארטיילט געווארן צו איבערארבעטן פינף שטחים צו גיבן א שטופ פאר אינדוסטריע באנוץ אונטער דעם קאנצענטרירטע צוציהאונג פון ארבעט'ס-גרייטע שטחים - ניו יארק (Focused Attraction of Shovel-Ready Tracts New York, FAST NY) גרענט פראגראם. FAST NY איז אויסגעשטעלט צו צוגרייטן און דעוועלאפען שטחים אריבער די סטעיט צו פארמערן די גרייטקייט פון ניו יארקע שטחים צו אנהויבן געבויט ווערן און דערמיט מאכן די שטחים מער ציהענד פאר גרויסע ארבעטסגעבער און היי-טעק מעניופעקטשורינג פירמעס. דער פראגראם, אנגעפירט דורך עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development, ESD), העלפט מאכן ניו יארק סטעיט'ס עקאנאמיע מער פארשידנארטיג דורך שטיצן שטח פארבעסערונגען און מוטיגן נייע אינוועסטירונגען צו פארמערן ביזנעסער און שאפן דשאבס. זינט עס איז אנגעהויבן געווארן, האט FAST NY שוין פארטיילט מער פון 326 מיליאן דאלאר פאר 39 לאקאציעס פארשפרייט אריבער אפסטעיט ניו יארק. גאווערנער Hochul (האקול) האט פארזיכערט נאך 100 מיליאן דאלאר אין די עקזעקיוטיוו בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2026 צו אויסברייטערן דעם FAST NY פראגראם און ארויפבויען אויף די הצלחות דערפון.

"דורך FAST NY, טוהען מיר למעשה פאראויס שטופן מעניופעקטשורינג און ברענגען שיין-באצאלטע דזשאבס צו קאמיוניטיס אריבער אפסטעיט ניו יארק", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "פירנדע פירמעס וועהלן אויס צו קומען קיין ניו יארק צוליב אונזער טאלאנטפולע ארבעטסקראפט, און די צוגעלייגטע רייץ פון די שפע פון קאנסטרוקציע-גרייטע שטחים מאכט אונזער סטעיט פאר א דעסטינאציע פאר ערשט-קלאסיגע ביזנעסער וועלכע זוכן צו אויסברייטערן זייערע אפעראציעס דא."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, Hope Knight (האָופּ נייט), האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט טוט אקטיווערהייט אויפבויען איר צוקונפט מיט די פולע און קאנצענטרירטע שטיצע פון גאווערנער Hochul (האקול) און בשותפות מיט לאקאלע אגענטורן. מיר גרייטן אן נאך אפילו מער קאנסטרוקציע-גרייטע שטחים אריבער אפסטעיט ניו יארק, אינוועסטירנדיג אין

די אינפראסטרוקטור וואס איז נויטיג פאר הייטעק אינדוסטריעס צו שאפן א שטארקע עקאנאמישע ביזנעסער נעטווארק וואס טרייבט אנהאלטנדע וואוקס און שיין-באצאלטע דזשאבס פאר ניו יארקער."

קערפערשאפטן באקומענדיג פינאנצירונג אין רונדע 7:

- **ווילעדזש אָוו מעיברוק, אראנדזש קאונטי – 25.48 מיליאן דאלאר:** דער אינפראסטרוקטור פארבעסערונג פראיעקט וועט ערלויבן צו פאראויס גיין מיט די דעוועלאפמענט פון די Switchyard Terminal for Economic and Advanced Manufacturing (STEAM) Rail & Business Park קאמפלעקס ביי די לאנג-ליידיגע Maybrook Rail Yard. די גרענט וועט פינאנצירן אינפראסטרוקטור אינסטאלאציע, פארבעסערונגען און איבערבייטערונגען געמאכט צו בענעפיטירן שאסייען, וואסער, סוער און וואסער אפלויף אינפראסטרוקטור. די רעזולטאט וועט זיין זעקס געביידע שטחים צוגענגליך דורך די עקזיסטירנדע מידלטאון, ניו דזשערסי באן ליניע. זיך געפונענדיג אויף א סטראטעגישע לאקאציע בלויז 75 מייל פון ניו יארק סיטי, וועלן די אינפראסטרוקטורישע מאדערניזירונגען ברענגען די געלעגנהייט פאר די ווילעדזש צו אונטערהייבן די ראיאנישע עקאנאמיע דורכן צוציהען סטראטעגישע אינדוסטריעס און עררייכן די ציהל צו אוועקשטעלן אן עקאנאמישע צענטער צו ווערן א הויפט באשטאנדטייל פון די ניו יארקע מעניופעקטשורינג ביזנעסער נעטווארק.
- **פוּלטאָן קאונטי אינדוסטריאלע דעוועלאפמענט אגענטור ( Fulton County Industrial Development Agency) – 8.99 מיליאן דאלאר:** דער אינפראסטרוקטור פארבעסערונג פראיעקט וועט ערלויבן צו צופאסן און אויפלעבן Tryon Technology Park פאר נייע באנוץ, א געוועזענע NYS קינדער טורמע אין פערט (Perth). פינאנצירונג פאר דעם פראיעקט וועט גענוצט ווערן פאר מאדערניזירונגען צו די וואסער פּאמפּ סטאנציע און צענטראלע רערן, מאדערניזירונגען צו די אפלויף וואסער פּאמפּס און פרעשורייזד רערן ('פאָרס מעינס'), אראפּווארפונג פון עקזיסטירנדע סטורקטורן און ארבעט אויף די ערד. דער פראיעקט וועט אנגרייטן די 220-אקער שטח פאר ווייטערע דעוועלאפמענט פון ביז פיר געביידעס אין מאסן צווישן 150,000 און 1.3 מיליאן סקווער פיס פאר מעניופעקטשורינג פירמעס וועלכע זוכן זיך צו אריינציהען אין די געגנט. אינפראסטרוקטורישע מאדערניזירונגען אריינגערעכנט אין דעם פראיעקט וועלן ערלויב פאר די Tryon Technology Park צו אויסנוצן א שפע פון וואסער און אפלויף וואסער קאפאציטעטן, אוועקשטעלנדיג די שטח אין אן אייגנארטיגע פאזיציע צו קענען צוציהען סטראטעגישע אינוועסטירונג אין אגריקולטורישע ביזנעס, עסנווארג פראצעסירונג און ביאלאגישע וויסנשאפט.
- **הערקימער קאונטי אינדוסטריאלע דעוועלאפמענט אגענטור ( Herkimer County Industrial Development Agency) – 7.9 מיליאן דאלאר:** דער אינפראסטרוקטור פארבעסערונג פראיעקט וועט ערלויבן צו מאכן וויכטיגע אינפראסטרוקטור מאדערניזירונגען וועלכע זענען נויטיג ביי די Central New York Business Center צו אהערשטעלן א קאנסטרוקציע-גרייטע אינדוסטריאלע שטח פאר פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג. געלטער וועלן גענוצט ווערן צו מאדערניזירן 2,000 פיס פון די Higby Road הויפט גאז רער, די קאנסטרוקציע פון אן אויפן-ארטיגע וואסער טאנק פאר פייער באשיצונג, נייע לעינס פאר קארן וואס דרייען זיך און טראפיק סיגנאלן, אין צוגאב צו אראפּווארפן עקזיסטירנדע סטרוקטורן, אויסגראבן ערד, שטורעם-וואסער און יוטיליטי פארלענגערונגען. די לאקאציע אפפערט צוטריט צו צוויי מיליאן גאלאנען פער טאג אין נישט אויסגענוצטע וואסער קאפאציטעט און 2.6 מיליאן גאלאנען פער טאג אין נישט אויסגענוצטע אפלויף וואסער קאפאציטעט וועלכע זענען אוועילעבעל אין די דיסטריקט. די Central New York Business Center געפונט זיך אויף א סטראטעגישע לאקאציע אין די טאון אָוו פרענקפארט, נעבן וויכטיגע הייוועיס און אנדערע אינדוסטריע דעוועלאפמענט, און איינמאל עס וועט זיין פארטיג, וועט עס אהערשטעלן אן אינדוסטריע-גרייטע שטח וואס וועט צוציהען פארגעשריטענע מעניוּפעקטשוּרערס, שאפן דזשאבס און איבערבייטערן ניו יארק'ס מעניופעקטשורינג עקאנאמיע.

- **Advance Albany County Alliance Local Development Corporation – 500,000$:** דער פראיעקט צו אנגרייטן שטח פאר דעוועלאפמענט וועט ערלויבן צו פאראויס גיין מיטן אנגרייטן די Al Tech Advanced Manufacturing קאמפלעקס פאר קאנסטרוקציע. געלטער וועלן גענוצט ווערן צו רעקרוטירן אן אינדזשענירונג פירמע צו אויפקומען מיט א מייסטער אינדזשענירונג פלאן, דורכפירן א SEQR און GEIS סורוועי, אפשאצן די לאקאציע'ס יוטיליטי אינפראסטרוקטור (וואסער, סוּער, גאז, שטורעם וואסער, טעלע-קאמוניקאציע), פלאנירן די אנגרייטונג פון די שטח צו אראפווארפן אלטע סטרוקטורן און ארבעטן מיט National Grid אויף די אנטוויקלונג פון די דעזיין און אינדזשענירונג פאר א סאָב-סטאנציע. די פינאנצירונג וועט גיבן פאר צוקונפטיגע דעוועלאפערס ווערטפולע אינפארמאציע און שטיצן א צוקונפטיגע אפליקאציע פאר דעם פארפעסטיגטע שטחים רייניגונג פראגראם ( Brownfield Cleanup Program, BCP) טעקס קרעדיט. די פארנעם פון די ארבעט איז א וויכטיגע טריט פאראויס אין די איבערבויאונג פון די שטח צו נאכאמאל אריינגעברענגט ווערן אין באנוץ. דער פראיעקט וועט אונטעראיילן די קאנסטרוקציע-גרייטקייט פון די שטח און פארקורצערן די דויערונג ווי לאנג עס וועט נעמען פאר צוקונפטיגע דעוועלאפערס עס ארויפצולייגן אויפן מארקעט — דערמיט שטיצנדיג די שאפונג פון דזשאבס פון א הויכע קוואליטעט פאר די טאון אָוו קאלאני (Colonie) און אויפבויענדיג דעם ראיאן'ס אינדוסטריאלע קאפאציטעט.
- **ערי קאונטי – 500,000$:** דער פראיעקט צו אנגרייטן שטח פאר דעוועלאפמענט וועט ערלויבן צו פאראויס גיין מיט קאנסטרוקציע-אנגרייטנדע אינדזשענירונג סערוויסעס פארבינדן מיט די איינפירונג פון סוּער און אפלויף וואסער קאפאציטעט פארבעסערונגען דורך דעם עלמא פאמפינג סטאנציע און פרעשורייזד רער ('פאָרס מעין') מאדערניזירונגען פראיעקט. פינאנצירונג וועט גענוצט ווערן פאר די דעזיין און פערמיט ארבעט פארלאנגט צו פאראויס גיין מיט די אינדזשענירונג דעזיין פון דעם פראיעקט — דערמיט אנגרייטנדיג די געגנט פאר די אויספירונג פון דעם פראיעקט. די אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען וועלן מער פון טאפלען די אפלויף וואסער קאפאציטעט פאר די געגנט און שטיצן די וואוקס פון אינדוסטריעס מיט די שאפונג פון דזשאבס אין פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג אין די טאון אָוו עלמא.

צום ערשט אנאנסירט אין [פעברואר פון 2022](), העלפט FAST NY מאכן ניו יארק סטעיט'ס עקאנאמיע מער פארשידנארטיג בשעת'ן אויפטרייבן אינוועסטירונגען פאר ביזנעסער, קאמיוניטיס און דזשאב שאפונג. נאכפאלגנדיג אן ערשטע פארפליכטונג פון 200 מיליאן דאלאר, האט גאווערנער Hochul (האקול) דערנאך פארזיכערט נאך 100 מיליאן דאלאר פאר FAST NY אין ביידע פון די בודזשעטס פאר די פיסקאלע יאר 2025 און 2026 פאר א סך הכל פון 400 מיליאן דאלאר. FAST NY האט צוגעצויגן צום ערשטן מאל אדער אויסגעברייטערט די אנוועזנהייט אין ניו יארק סטעיט פון פירמעס ווי fairlife, Chobani, Edwards Vacuum, Siemens Mobility און Oxbo. די פירמעס וועלן אינוועסטירן איבער 2.2 ביליאן דאלאר און שאפן נאענט צו 3,000 דזשאבס.

FAST NY גרענטס ווערן פארטיילט פאר אקטיוויטעטן וואס קומען פאר בעפאר די דעוועלאפמענט און פאר אינפראסטרוקטורישע אינוועסטירונגען צו דעוועלאפן לאקאציעס וועלכע וועלן צוציהען בארעכטיגטע אינדוסטריעס, אריינרעכענענדיג היי-טעק מעניופעקטשורינג, סעמי-קאָנדאָקטערס, ריינע טעכנאלאגיע באנייבארע ענערגיע, ביאלאגישע וויסנשאפט, אגריקולטורישע ביזנעס, אפטיקס, טראנספארטאציע עקוויפמענט, מאטעריאלן פראצעסירונג, אינדוסטריאלע מאשינעריי מעניופעקטשורינג און אנדערע פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג. די שטחים קענען אויך גענוצט ווערן פאר דיסטריביוּשען און לאגיסטיק אריבער סטעיט גרעניצן. פאר מער אינפארמאציע אדער צו אפלייען פאר א FAST NY גרענט, באזוכט [esd.ny.gov/fast-ny]().

**סטעיט סענאטארשע Patricia Fahy (פעטרישע פעיהי) האט געזאגט,** "ווען מעניופעקטשורינג האט פארלאזט דעם הויפטשטאט ראיאן און אפסטעיט ניו יארק קאמיוניטיס צענדליגע יארן צוריק, האט עס הויפטזעכליך אוועקגענומען פון די מעגליכקייט פון מענטשן צו באקומען א באדייטפולע, שיין-באצאלטע

דזשאב און זיך פאראויס רוקן. מיט דעם FAST NY פראגראם, טוהען מיר אינוועסטירן אין די צוקונפט פון די הויפשטאט ראיאן'ס מעניופעקטשורינג אינדוסטריע און עס צוריקברענגען מיט ארבעטסקראפט אנטוויקלונג געציהלט אויף פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג אינדוסטריעס. דאס פארבינדן אונזער ארבעטסקראפט און אונזערע פאמיליעס מיט פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג געלעגנהייטן וועט טוישן לעבנס, אויספלאסטערן נייע וועגן און געלעגנהייטן פאר קאריערעס און זיכער מאכן אז אונזערע קאמיוניטיס זענען נישט נאר גרייט פאר די עקאנאמיע פון די צוקונפט — נאר אז זיי זענען גרייט עס צו אויסנוצן. די היינטיגע אנאנסירונג איבער $500,000 ברענגט אונז נאענטער צו די ציהל, און דורכן אינוועסטירן אין באמת קאנסטרוקציע-גרייטע שטחים ביי די Al Tech Advanced Manufacturing קאמפלעקס דא אין אלבאני, טוהען מיר פארשנעלערן וואוקס אין פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג, פארשטעקרן אונזער שטאנד אויפן ראיאנישע מארקעט און אוועקשטעלן די יסודות פאר טויזנטע צוקונפטיגע דזשאבס אריבער אונזער הויפטשטאט ראיאן. איך וויל באדאנקען גאווערנער Hochul (האקול) און עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פאר זייער פארפליכטונג צו ארויסבויען די אינפראסטרוקטור וואס שנעל-וואקסנדע אינדוסטריעס פארלאנגען, און פארן זיכער מאכן אז דער הויפטשטאט ראיאן איז גרייט צו אויסנוצן דעם קומענדיגן דור פון עקאנאמישע געלעגנהייט."

**ווילעדזש אָוו מעיברוק מעיאר, Dennis Leahy (דעניס ליעהי), האט געזאגט,** "פאר פילע יארן איז די Maybrook Rail Yard געווען א סימבאל פיי פון גרויסע פארשפרעך און סיי פון פארפעהלטע געלעגנהייט. היינט, דורך גאווערנער Hochul (האקול)'ס פירערשאפט און דעם FAST NY פראגראם, מאכן מיר א טראנספארמאטיווע טריט פאראויס. די סטעיט'ס 25 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג וועט איבערבויען די לאנג ליידיגע פראפערטי צו ווערן די Switchyard Terminal for Economic and Advanced Manufacturing, אוועקשטעלנדיג קאנסטרוקציע-גרייטע שטחים וועלכע וועלן צוציהען שעפערישע ארבעטסגעבער און אויסברייטערן עקאנאמישע געלעגנהייט פאר מעיברוק און אראנדזש קאונטי. מיט אונזער אינפראסטרוקטור אויפגעלעבט, איז די ווילעדזש גרייט צו אננעמען אויף זיך איר ראלע אלס א ראיאנישע עקאנאמישע צענטער, און מיר דרוקן אויס אונזער טיפע דאנקבארקייט פאר די סטעיט'ס שותפות ביים בויען א שטערקערע, מער בליהענדע צוקונפט."

**הערקימער קאונטי טשעירמאן, Peter J. Campione (פיטער דזש. קעמפיאן), האט געזאגט,** "מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער Hochul (האקול) פאר די באדייטנדע אינוועסטירונג אין די Central New York Business Center. די פינאנצירונג וועט אונז ערלויבן צו פארענדיגן וויכטיגע אינפראסטרוקטורישע מאדערניזירונגען וועלכע גרייטן אן די שטח פאר פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג, טרייבן די שאפונג פון דזשאבס און פארשטערקערן דעם ראיאן'ס עקאנאמישע צוקונפט. מיר זענען דאנקבאר פאר די גאווערנער'ס אנגייענדע שטיצע און פארפליכטונג צו פארגרעסערן ניו יארק'ס מעניופעקטשורינג עקאנאמיע."

**איבער עמפּייער סטעיט דעוועלאפמענט**

עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט איז ניו יארק'ס הויפט עקאנאמישע אנטוויקלונג אגענטור, און עס שטיצט ביזנעס וואוקס, די שאפונג פון נייע דזשאבס און מער עקאנאמישע געלעגנהייטן אריבער די סטעיט. מיט אפיסעס אין יעדער פון די סטעיט'ס 10 ראיאנען, טוט די ESD פארפיגן איבער די [ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס](), שטיצן אינטערנעט סערוויס גלייכבארעכטיגונג דורך די ConnectAll אפיס, און פארגרעסערן די ארבעטסקראפט פון די צוקונפט דורך די אפיס פון סטראטעגישע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג (Office of Strategic Workforce Development). די אגענטור ארבעט צוזאמען מיט ארויסשטייגנדע און פארגעשריטענע אינדוסטריעס ווי ריינע ענערגיע און סעמי-קאָנדאָקטער מעניופעקטשורינג וואס זוכן צו וואקסן אין ניו יארק סטעיט, זי האלט אויף א נעטווארק פון הילף צענטערן צו העלפן קליינע ביזנעסער וואקסן און מצליח זיין, און זי מאכט מארקעטינג פאר די סטעיט'ס ערשט-קלאסיגע טוריזם דעסטינאציעס דורך "I LOVE NY" (איך האב ליב ניו יארק). פאר מער אינפארמאציע, באזוכט ביטע [esd.ny.gov](), און פארבינדט זיך מיט די ESD אויף [LinkedIn](), [Facebook]() און [X]().

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן